# נאך די וואהלען.

בעת מיר שרייבען די דאזיגע שורות איז נאכנישט בעוואוסט דער רעזולטאט פון די נעכטיגע קהלה-וואהלען אין אונזער שטאדט, און ס'איז אונמעגליך אין דעם גרויסען כאאס וואס הערשט בעת די יעצטיגע וואהלען, צו קענען זיך אויסמאלען א בילד און צו זאגען א וועלכע ס'אין השערה וועגען דעם רעזולטאט.

דאס יודישע טשענסטאכאוו איז דאס ערשטע מאל פערוואנדעלט געווארען אין א קאמפס-פלאץ און נאך קיינמאל איז אזא העפטיגער קאמף אויף דער יודישער גאס ביי אונז נישט פארגעקומען.

עס וואלט זיך קיינמאל נישט געגלויבט, אז אין דער יעצטיגער שווערער און ביטערער צייט, די צייט פון שרעקליכען קריזיס, ווען מיט יעדען טאג ווערט די עקאנאמישע לאגע ערגער און ערגער, ווען דער גרעסטער טייל יודישע סוחרים און בעלי-מלאכות געפונען זיך נאך אונטער דעם איינדרוק פון די נאר-וואס ערהאלטענע „נאקאזען" מיט וועלכע די שטייער-אמטען אין אלע שטעדט האבען זיי מזכה געווען, אין דער צייט, ווען די שטילע און רוהיגע יודישע סוחרים, וועלכע זענען צופרידען אז מען לאזט זיי לעבען געהען ארויס אין גאס מיט פראטעסט-דעמאנסטראציעס געגען די אונגעהויערע שטייער-אויסמעסטונגען.

וואלט מען קיינמאל נישט געגלויבט אז עס זאלען זיך איצט געפונען יודען, און דוקא אין נישט קיין קליינער צאהל וואס זאלען זיך „פונה זיין מכל עסקים", וואס זאלען זיך נישט קימערען מיט זייער לאגע, נאר זאלען גאנצע טעג עוסק זיין אין הלכות וואהלען, מיר וואלטען בשום אופן נישט געקענט גלויבען אז מען זאל איצט האבען אזאלכע „לייכטע קעפ" צו קענען ארויסלאזען אזעלכע הומאריסטישע אויפרופען מיט וואהל-פלאטפארמעס, אויסזוכען די שרעקליכסטע דעמאגאגישע לאזונגען, געפונען די נארישסטע און לעכערליכסטע הבטחות מיט וועלכע מען קומט צום עולם-גולם, אין וועלכע עס געפונט זיך נישט קיין ווארט אמת, קיין שום ערנסטער זאץ, נאר מען שיסט מיט שטינק-באמבעס, צו וועלען יענעם פערשיכור'ן, פערטושען, אז ער זאל פערלירען דעם שכל-הישר.

מיר קענען זיך בשום אופן נישט פארשטעלען וואס עס זאגען צו דעם אונזערע נישט-יודישע שכנים, וועלכע טראכטען זיך זיכער: אט זעהט איהר, די יודען האלטען אין איין טענה'ן אז ס'איז זיי שלעכט, אז זיי האבען נישט קיין פרנסה און קענען נישט צאהלען קיין שטייערען און אט זעהט איהר דאך, אז זיי האבען אויסגעזארגט, וואָרום אז מען האט באמת א פערדרעהטען קאפ קען מען זיך נישט אזוי שטארק ארומשלאגען צוליעב א אייגענעם מענש אין דער קהלה.

און באמת ווייסט דען דער רוב פון אט די „קעמפער" פארוואס זיי קעמפען, און צו וועלכען צוועק זיי מאכען אזא שרעקליכען טאראראם און פערלירען אומזאנסט אזוי פיעל געלד און צייט, כח און ענערגיע?

אבער איצט איז דאס שוין אין דער פערגאנגענהייט, די וואהלען זענען שוין פארגעקומען, און ווי זיי זאלען נישט זיין אויסגעפאלען איז דאך נישט קיין ספק אז ס'זענען געוועהלט געווארען גענוג מענשען מיט פערשידענע דעות און אנשויאונגען, בלייבט נאר איבער זיך צו ווינשען אז זיי זאלען זיך בעמיהען ווי ווייט מעגליך מותר צו זיין אויף זייערע פארטייאישע אדער אונפארטייאישע פרינציפען, צו האבען פאר די אויגען נאר די טובה פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג און צו וועלען אז די קהלה זאל זיין דאס וואס זי דארף און מוז זיין.

מיר מוזען אבער אומבעדינג געדענקען אז די וואהלען האבען זיך אייגענטליך נאכנישט געענדיגט, די אמת'ע וואהלען דארפען ערשט פארקומען און דאס זענען די וואהלען אין דער פערוואלטונג, וועלכע איז דער פאקטישער אויספיהר-ארגאן, דער פאקטישער לייטער פון דער טשענסטאכאווער קהלה.

נאר וועגען די דאזיגע וואהלען — א צווייט מאל.

י. פ.

# פון דער וואך.

## שפאניען.

אין דער יודישער וועלט ווערט נאך אלס גערעדט מיט דער גרעסטער פעראינטערעסירונג וועגען דעם וואס די שפאנישע רעגירונג האט איצט, נאך 300 יאהר, אפיציעל אבגעשאפט דעם פערבאט אז יודען זאלען מעגען אפען און פריי וואוינען אין דעם דאזיגען לאנד, זינט דעם, אין דער יודישער געשיכטע טרויריג-בעריהמטען, גירוש שפאניען.

אייגענטליך ערלויבט די שפאנישע רעגירונג שוין זינט א לענגערע צייט די יודען זיך דארט צו בעזעצען, די רעגירונג האט איינגעזעהן אז די יודען זענען געווען א ברכה פאר'ן לאנד, און זינט זי האט די יודען ארויסגעטריבען איז דאס לאנד געגאנגען מטה מטה, אבער אלס איז דער פערבאט געגען יודען, אפיציעל נישט געווען בעזייטיגט, ערשט איצט ווען אין לאנד איז פארגעקומען די גרויסע פאליטישע איבערקעהרעניש אז מען האט דעם קעניג פערטריבען פון לאנד, און ערקלערט א רעפובליק, האט מען אויך די יודען צוריקגעגעבען זייער כבוד, און אבגעווישט פון שפאניען דעם שרעקליכען שאנד-פלעק. עס ווערט איצט ערלויבט די מאראנען (געטויפטע יודען) אפיציעל צוריקצוקעהרען צום יודענטום, און צו שאפען יודישע געמיינדעס, יודען וועלען קענען פריי ענטוויקלען זייערע נאציאנאלע און רעליגיעזע ערייגנישען, און דאס האט ארויסגערופען א פערשטענדליכע פרייד צווישען גאנצען יודישען פאלק.

## ארץ-ישראל.

די קלאגען וואס קורסירען שוין א לענגערע צייט אז דער הויך-קאמיסאר סער טשענסעלאר זאל אוועקגעהן אין דימיסיע טהוען זיך איצט בעשטעטיגען, עס ווערט אין דער ענגלישער פרעסע מיטגעטיילט אז אין יוני מאנאט ענדיגט זיך די אמטירונג-קאדענץ פון הויך-קאמיסאר, און פון דאן זאל ער מעהר דעם דאזיגען אמט נישט פערנעמען, מען רעדט, אויך וועגען דעם אז דער בעוואוסטער ציון-פריינד קאלאנעל וועדזשוואוד זאל בעשטימט ווערען אלס נאכפאלגער פון הויך-קאמיסאר.

עס האבען זיך אויך פערשטארקט די קלאנגען אז דער פערפאסער פון טרויריגען ווייס-בוך לארד פאספילד זאל דימיסיאנירען פון זיין אמט אלס קאלאניען-מיניסטער אין ענגלישען פארלאמענט, עס ווערען שוין זאגאר אנגעוויזען איינציגע פערזענליכקייטען אלס זיינע נאכפאלגער.

דער אמאליגער פוילישער איינוואוינער וועלכער וואוינט שוין א רייהע יאהרען אין ארץ-ישראל און האט דארט געגרינדעט די בעוואוסטע קאלאניע „מגדיאל" ה' שמואל זשוכאוויצקי איז געקומען קיין פוילען מיט דער אויפגאבע אריינצוציהען דעם יודישען מיטעלשטאנד פון פוילען אין דער אויפבוי-ארבייט פון א"י, אויף א פרעסע-קאנפערענץ וואס איז לכבוד איהם איינגעארדענט געווארען, האט דער גאסט געגעבען א אויספיהרליכען בעריכט פון וועלכען עס איז צו זעהען אז די מעגליכקייט פון א קאלאניזאציע פונ'ם מיטעלשטאנד אין א"י איז איצט א גלענצענדע.

צוליעב דער קריטישער עקאנאמישער לאגע אין אמעריקא ווילען אסך אמעריקאנער יודען זיך בעזעצען אין ארץ-ישראל, עס מעלדען זיך אין דער דארטיגער ציוניסטישער ארגאניזאציע יודען וועלכע האבען אין זייער פערמעגענס פון 5 ביז 50 טויז. דאלאר פאר וועלכע די ציוניסטישע ארגאניזאציע פערשאפט די נויטיגע וויזעס.

וועגען דער אלגעמיין פאליטישער לאגע אין ארץ-ישראל קומען לעצטענס נישט אן קיין נעהנטערע ידיעות, די אונטערהאנדלונגען צווישען דער יודישער אגענץ מיט דער ענגלישער רעגירונג זענען ווי בעוואוסט, צייטווייליג אבגעשטעלט געווארען און ס'איז נישט בעוואוסט ווען זיי וועלען ווידער בעגייט ווערען, יעדענפאלס וועלען געוויס די אונטערהאנדלונגען שוין נישט בעגייט ווערען פאר'ן ציוניסטישען קאנגרעס וועלכער קומט פאר אין יוני אין באזעל, און צו וועלכען אלע ציוניסטישע גרופירונגען גרייטען זיך מיט דער גרעסטער ענערגיע.

## מעקסיקא.

אין דעם לאנד, וואו יודען האבען שטענדיג געלעבט רוהיג און פרידליך זענען, ווי בעוואוסט לעצטענ'ס פארגעקומען שרעקליכע אנטיסעמיטישע טהאטען געוואנדען געגען די יודישע סוחרים און הענדלער וועלכע ווערען בעדראהט מיט רואין. די יודען אין דעם דאזיגען לאנד פערנעמען זיך מעהרסטענ'ס מיט קליין-האנדעל און די פעראָרדנונג אז יודען ווערען בעזייטיגט פון די האנדעלס-האלעס בעדייט פאר זיי א פארמעלען אונטערגאנג.

דער פוילישער קאנסולאט נעמט אן א שארפע אינטערווענץ ביי דער מעקסיקאנישער רעגירונג וועגען אבשאפען דאס דאזיגע געזעץ, און עס ווערט פראיעקטירט אז א דעלעגאציע פון אמעריקאנער יודען זאל צוליעב דעם פאהרען קיין מעקסיקא.

## קהלה-וואהלען.

נעכטען דעם 20 מאי זענען כמעט אין אלע יודישע קהלות אין פוילען (אויסער ווארשא, לאדז און עטליכע שטעדט) פארגעקומען וואהלען צו די קהלות.

דער וואהל-קאמף איז דאס מאל זעהר א שארפער, איבערהויפט איז דער קאמף קאנצענטרירט געגען דער „אגודה" וועלכע האט ארויסגערופען געגען זיך כמעט אלע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג צוליעב דעם בעוואוסטען פאראגראף 20 — אין די קלענסטע יודישע קהלות זענען אריינגעטראגען געווארען צו עטליכע צעהנדליג קאנדידאטען ליסטעס, און יעדע ריכטונג נוצט אויס צום וואהל-קאמף אלע עהרליכע און נישט עהרליכע מיטלען, כדי צו געווינען דעם וועהלער אויף זייער זייט.

שוין לאנג איז צווישען די יודען נישט געווען אזא שרעקליכע צושפליטערונג ווי דאס מאל, און ס'איז זעהר אינטערעסאנט דער רעזולטאט פון די וואהלען וועלכער ווערט דאריבער ערווארט מיט דער גרעסטער שפאנונג.


# זענען נערוועץ און קאפשמערצען היילבאר?

## אויך פאר רעוומאטיקער זעהר אינטערעסאנט!

מיר געבען דא איבער דעם תוכן פונ'ם בריף פון ה' ב. בראטקאווסקי, לעמבערג, זשענסנא פאלסקא: זייט א לענגערע צייט האב איך געליטען אונערטרעגליכע קאפשמערצען, וועלכע די דאקטוירים האבען בעצייכענט אלס א כראנישען מיגרען. איך האב א סך מיטלען בענוצט, אבער ליידער אהן א דויערענדען ערפאלג. אין די צייטונגען האב איך געלעזען וועגען די היילענדע ווירקונג פון טאגאל און ענדליך אויך דאס מיטעל געפרובט. נאכ'ן איינגענעמען פון טאגאל זענען באמת די לעסטיגע קאפ-שמערצען פערשוואונדען און שוין זייט 3 חדשים פיהל איך מיך פולקאם געזונד. צאהליכע ערפאהרונגען האבען געמאכט א סך טויזענדער ליידענדע, וועלכע האבען בענוצט טאגאל-טאבלעטען ביי רעוומאטיזם, גיכט, רייסען אין די געלענקען, ערקעלטונגען, נערוועץ און קאפשמערצען, ווי אויך ביי עהנליכע קראנקהייטען. ווען אנדערע מיטלען האבען פערפיהרט, האט טאגאל אפילו אין פערעלטערטע פאלען, אפט איבערראשענד גוטע ערפאלגען ערצילט. טאגאל שטילט נישט נור תיכף די שמערצען, נור איז אויך עוקר מן השורש די קראנקהייטען אויף א נאטירליכען אופן און איז אונשעדליך פאר'ן הארץ, מאגען און אנדערע ארגאנען. איבער 6 טויזענד דאקטוירים-אטעסטאטען. פרובט דעריבער נאך היינט אליין אויס אבער פערלאנגט אין אייער אייגענעם אינטערעס נור טאגאל—ס'איז נישט פערהאנען גאר קיין בעסערס. צו בעקומען אין אלע אפטייקען.



**אנ'אמת פערגניגען**

איז טראגען שיכווארג מיט גומע-אבצאסען **בערסאן**. זיי זענען אמלענגסטען דויערהאפטיג, דריי מאל פעסטער און ביליגער פון לעדער, זיי פערהיטען פון מידקייט מעהר פאדערען קען מען נאטירליך נישט פון א גומענעם אבצאס, אלזא, נאר **בערסאן**.





(5

# די פערפאלגטע.

ראמאן פון יודישען לעבען אין איטאליע, אין 19-טען יאהר-הונדערט.

פריי פון העבּרעאיש דורך **י. געלזאהן.**

(פארטזעצונג)

די גאנצע צייט וואס דער באראן האט גערעדט מיט'ן שדכן איז ראזא געזעסען אין איהר צימער מיט דער גרעסטער אונגעדולד, און ווי נאר זי האט געהערט אז דער שדכן איז אוועק איז זי שנעל אריין צום פאטער, וועלענדיג זיך דערוויסען וואס ער האט איהם געענטפערט.

דו האסט רעכט מיין טאכטער — האט דער באראן צו איהר געזאגט — איך האב די מענשען אזוי ווייט נישט געקענט, דאס זענען פשוט ווילדע מענשען פון מיטעלאלטער.

און איך האב די געלעגענהייט זיי קענען צו לערנען ביי מיין פריינדין הענריעטא אין הויז — האט ראזא געענטפערט — איך דאנק דיר ליעבער פאטער וואס דו ביזט געקומען צו דער זעלבער איבערצייגונג וואס איך.

דער באראן האט שווער אבגעזיפצט, און קוים ארויסגעזאגט די ווערטער: אדער אונזער לאגע...

ביידע אזוי דער פאטער ווי די טאכטער האבען געמיינט אז מיט'ן אבפערטיגען דעם שדכן זענען זיי שוין פריי פון דער זאך, זיי האבען נישט געוואוסט אז עס וועט זיי נאך אויסקומען פיעל צרות צו ליידען פון אט די מענשען.

4.

אין אווענד איז באראן אדעלבערג אוועק צום הויפט-ריכטער אין דער וואוינונג.

דאס איז געווען א יונגערמאן פון 30 יאהר, א זעהר שעהנער און סימפאטישער זעהר עלעגאנט געקליידט, ער איז געזעסען אין זיין הערליכען קאבינעט, און ווען דער באראן איז אריינגעקומען האט ער זיך אויפגעשטעלט פאר איהם, און איהם צוגעבעטען צום שרייב-טיש.

דו ביזט באראן אדעלבערג, א פראנצויזישער מאיאר? — האט געפרעגט דער ריכטער.

דאס בין איך.

ווי לאנג וואוינסטו שוין אין מאילאנד?

10 יאהר.

ביזטו אהערגעקומען אין יאהר 51 ווען נאפאלעאן האט איבערנומען דעם פראנצויזישען טראהן?

אזוי איז דאס.

און נאפאלעאן ווייסט וואו דו געפונסט זיך איצט? — האט דער ריכטער ווייטער געפרעגט.

דער באראן האט זיך דערשראקען און געזאגט: וועגען וואס פרעגסטו דאס מיין הער, צי מיינסטו אז איך געהער צו די רעוואלוציאנערען וועלכע ווערען פערפאלגט דורך נאפאלעאנען?

אבער וואס האסטו זיך דערשראקען? — האט דער ריכטער געזאגט — דו ביזט דאך נישט אין פראנקרייך און דא ביי אונז קען זיך נאפאלעאן גארנישט טהון בעזונדער, געהט מיר נישט דאס צו וויסען, איך וויל גלאט וויסען פארוואס דו האסט פערלאזט פראנקרייך?

נישט אלס רעוואלוציאנער בין איך אוועק פון פראנקרייך, נאר צוליעב דעם וואס איך האב דאס לאנד זעהר ליעב געהאט האב איך נישט געקענט דארט פערבלייבען נאכדעם ווי נאפאלעאן האט איבערנומען דעם מלוכה-רודער.

ביזט אהערגעקומען מיט דיין גאנצער פאמיליע?

מיין זוהן איז פערבליבען אין פראנקרייך.

ווי איז זיין נאמען?

לודוויק.

דיין זוהן קען איך. מיר זענען זאגאר געווען בעפריינדעט — האט דער הויפט-ריכטער געזאגט.

וואס? דו ביזט אויך פון פראנקרייך?

יא, און אויך איך בין אוועק פון דארט אין דער נאכט ווען נאפאלעאן האט צוגעגרייט א בלוט-באד פאר אלע בעסטע זוהן פון לאנד.

און ווי איז דיין ווערטפולער נאמען?

מיין נאמען איז עמיל, דא רופט מען מיך עמנואל, און איך בין א זוהן פון גראף פון מאראניען, מיט דיין זוהן האב איך צוזאמען געענדיגט די אפיצירען-שולע אין פאריז.

אה, דאס ביזטו א זוהן פון מיין געשעצטען פריינד, דעם גראף פון מאראניען? — און וואס מאכט דיין פאטער?

דאס ווייס איך אליין נישט אויף קלאר — האט דער ריכטער געענטפערט און דאביי האט ער זיך אויפגעשטעלט, ער איז צוגעגאנגען צו א שאנק וועלכע ער האט אויפגעשלאסען און פון דארט ארויסגענומען א בריעף און דערלאנגט דעם באראן.

ווי נאר דער באראן האט די האנדשריפט אויפ'ן בריעף בעמערקט איז ער שטארק בלאס געווארען און דער ריכטער האט איהם געפרעגט:

פארוואס האסטו אזוי אויפגעציטערט?

ווייל איך דערקען אז דאס איז די האנדשריפט פון מיין זוהן.

דו האסט נישט וואס צו שרעקען — האט דער ריכטער געזאגט — דיין זוהן איז געזונד, און דו קענסט דעם בריעף לעזען וועסטו אלעס וויסען.

מיט ציטערדיגע הענד האט דער באראן געעפענט דעם בריעף און געלעזען פאלגענדעס:

זעהר געעהרטער הער!

צו מיין גרויסער פרייד בין איך ערפאהרען אז ס'האט דיר געלונגען צו פערלאזען דאס בלוטיגע לאנד פראנקרייך, און דו געפונסט זיך אין דעם געבענשטען לאנד איטאליען. איך האב צום בעדויערען געמוזט פערבלייבען אין דעם לאנד וואו רויב און מארד הערשען איבעראל און דער, וואס האלט נישט מיט די דאזיגע ווילדע מעשים ווערט שטרענג בעשטראפט. אבער גאט אין הימעל איז מיין עדות אז איך וואלט קיין מיגוט אין דעם לאנד נישט פערבליבען, ווען נישט די זארג, וואס איך טראג פאר מיינע עלטערן און פאר מיין איינציגע בילד-שעהנע און איידעלע שוועסטער. איר ווייס אז שלעכטע מענשען ווילען מיין פאטער טהון שלעכטס אז מען וויל איהם אריינציהען אין א שרעקליכער נעץ און זיין לעבען שטעלען אין געפאהר. דאריבער מוז איך שטעהן אויף דער וואך, איך פערנעהם דא א הויכען אמט, כדי צו קענען וויסען, וואס מען טראכט וועגען מיין פאמיליע און זיי צו קענען בעצייטענס אבראטעווען.

איצט בין איך ערפאהרען, אז די איצטיגע מאכט האט ארויסגעשיקט געהיימע שפיאנען נאך מאילאנד, אז זיי זאלען נאכשפיאנירען מיין פאטער, ווייל ער איז א רעפובליקאנער. איך ווענד זיך דאריבער צו דיר, גרויסער הער און פריינד, אז דו זאלסט זיך דערבארימען איבער דער דאזיגער אומגליקליכער פאמיליע און זיי אבהיטען, אז עס זאל זיי קיין שלעכטס נישט פאסירען.

איך ווייס, אז דו פערנעהמסט א הויכען אמט אין מאילאנד און וועסט קענען בעשיצען די דאזיגע אונשולדיגע שוצלאזע מענשען.

דיין קנעכט און פריינד
לודוויק אדעלבערג.

דער באראן האט געענדיגט דאס לעזען דעם בריעף און איז געבליבען זיצען ווי פערשטיינערט.

(פארטז. קומט).

# גלייכווערטלעך פון יודישע גדולים.

## אומזיסט פערצאפט בלוט.

ר' יאשע בער בריסקער האט איינמאל גוט אויסגעזידעלט אין בית-המדרש א קצב, וועלכער האט זיך בעצויגען לייכטזיניג צו די דינים וועגען פלייש.

דער קצב האט זיך עס קנאפ וואס גענומען צום הארצען און ווייטער געטהון דאס זייניגע.

אין א פאר וואכען ארום איז ר' יאשע-בער געקומען צום קצב און איהם געבעטען, ער זאל איהם מוחל זיין פאר די זידלערייען.

— איך זאל אייך מוחל זיין?—שרייט אויס דער קצב פערחידזוש'ט—וואס רעדט איהר, רבי! איך בין דאך אזוי זינדיג, איך פאלג אייך אפילו נישט!

— אט דערפאר טאקי בעט איך ביי אייך מחילה—ענטפערט ר' יאשע בער—מיינע זידלערייען האבען גארנישט געהאלפען און איך האב אייך אזוי ארום אומזיסט פערצאפט בלוט...

## ער בענשט דעם פאטער.

ר' יאשע בער בריסקער איז איינמאל געפאהרען קיין פעטערבורג מיט נאך א רייהע רבנים צו ענטפערען אויף פערשידענע פראגען פון פרעמיער-מיניסטער.

דער מיניסטער האט ממש געשטוינט פון ר' יאשע בער'ס קלוגע רייד, זיין שארפען קאפ און די איבריגע מעלות. מאכט ער צום רב:

— איהר מוזט אודאי שטארק פעראיבעל האבען אויף אייער פאטער הלמאי ער האט אייך נישט געגעבען קיין וועלטליכע בילדונג, מיט אזעלכע פעהיגקייטען וואלט איהר דאך בעלויכטען די וועלט!

— איהר האט א טעות ה' מיניסטער—ענטפערט איהם ר' יאשע בער—נישט איך בין אין כעס אויף מיין פאטער, נאר אדרבה איך בענש איהם טאגטעגליך, פארוואס ער האט מיר נישט געבילדעט, בעפרייענדיג מיך אזוי ארום פון די גרויסע יסורים אנצוקומען אין




א רוסישען אוניווערזיטעט...

## עס איז קיין קונץ נישט.

דער ווילנער גאון האט זיך, ווי בעוואוסט, געחבר'ט מיט'ן דובנער מגיד פון וועמען ער האט ליב געהאט צו הערען אפט אביסעל סוסר.

איינמאל מאכט דער דובנער מגיד צום גאון:

איהר מיינט טאקע, אז עס איז א גרויסע קונץ צו זיין א גאון אין בית-המדרש, זיצענדיג טאג און נאכט ביים לערנען? א קונץ איז צו זיין א גאון אין לעבען, אין גאס, אין עולם המסחר.

## בלויז די חתימה.

דער העברעאישער דיכטער יהודה לייב גארדאן איז איינמאל ימים-נוראים-צייט נעקומען זיך געזעגענען מיט'ן באראן גינצבורג, וועלכער האט געדארפט אבפאהרען קיין אויסלאנד.

דער באראן האט, ווי דער שטייגער איז, געוואונשען דעם דיכטער א כתיבה וחתימה טובה.

רופט זיך אב יל"ג:

ה' באראן, גיט מיר בלויז אייער חתימה, א כתיבה טובה וועל איך שוין אליין מאכען...

## די פעדער ריהרט זיך נישט.

ר' משה אהרן אסטראווער האט אמאל אין שיחת הולין געזאגט:

— פארוואס שטעהט עפיס „עני חשוב כמת". מחמת די גאנצע רייכקייט פון גביר דערקענט מען אין זיין פעדער: ער גיט זיך א שרייב אונטער און בעקומט תיכף גרויסע סומעס געלד, אקעגען זשע אנ'ארימאן, וויפיעל ער זאל זיך נישט אונטערשרייבען, וועט ער נישט בעקומען קיין גראשען.

— אז די פעדער ריהרט זיך נישט—שמייכעלט ר' משה אהרן—איז א קלארער סימן, אז דער מענש איז טויט.

## אנ'אומזיסטע מציאה.

צו ר' אייזיק'ל סלאנימער זענען אמאל געקומען בעה"ב פון טיקטין, פארצולייגען איהם טיקטינער רבנות (טיקטינער רבנות איז געווען א יחוס'דיגע).

— וויפיעל וועל איך האבען ביי אייך שכירות—האט ער זיי געפרעגט.

— די שכירות איז נישט קיין גרויסע—האבען זיי געענטפערט—אבער ביי אונז איז אלץ בזול, למשל פיש איז ביי אונז בחצי חנם.

— וואס טויג מיר אייערע פיש—האט זיי ר' אייזיק'ל געענטפערט—אז איך וועל האבען ביי אייך קדחת וועל איך דאך נישט טארען עסען קיין פיש.

## ער וועט זיי געוויס דערקוילענען.

אנ'אלטער שוחט איז אמאל געקומען צו ר' אייזעלע חריף מיט אזא בקשה:

היות ער איז שוין זעהר אלט און ער האט מורא, טאמער איז ער שוין נישט אזוי גוט מרגיש, וויל ער דעריבער אוועקווארפען די שחיטה און ווערען א מלמד.

וואס — האט ר' אייזל א טופע געטהון אויף איהם מיט'ן פוס — ווילט איהר הייסט עס, איבערגעהן פון א איסור קל אויף אנ'איסור חמור: ביי א בהמה איז דאך בלויז דא חשש, אז איהר וועט נישט דערקוילענען און די יונגע קינדערלעך וועט איהר דאך געוויס דערקוילענען...

## צער גידול בנים.

ר' רפאל וואלאזשינער, ר' הערש לייב'ס איידים, איז געווען א יושב אוהל, איז תמיד געזעסען און געלערנט און האט זיך נישט געמישט אפילו אין משפחה-ענינים. זיין ווייב, די רביצין, איז געווען די עקרת הבית, געפיהרט די שטוב, חתונה געמאכט קינדער, נעגעבען נדן און קעסט. ר' רפאל האט פון קיין זאך נישט געוווסט. האט מען אויסגעגעבען א קינד פלעגט מען א שעה פאר דער חתונה איהם קומען רופען, פלעגט ער פערמאכען די גמרא, אנטהון די שבת'דיגע קאפאטע און געהן צו דער חופה.

איינמאל איז מען איהם געקומען רופען צו דער חופה פון זיינס א קינד. ביים אנטהון די שבת'דיגע קאפאטע, האט זיך דער ארבעל עפעס פערהאלטען, האט ר' רפאל א קרעכץ געטהון:

— אי, צער גידול בנים...

## א תשובה פון א למדנות.

די בעוואוסטע בריסקער רבצי'ן, סאניע איז געווען א שטארק בלאנדע, ווען זי האט זיך צום ערשטען מאל געזעהן מיט א חתן, האט יענער, בעטראכטענדיג איהר, א זאג געטהון צום שדכן אין העברעאיש: דאס איז דאך א פרה אדומה.

— אלץ בעסער, ווי א פרא אדם! — האט איהם גלייך אבגעענטפערט די קומענדע רביצי'ן, וועלכע האט געקענט גוט העברעאיש אפילו גמרא.

## די טענה פון דער ערד.

צו ר' ריפלען זענען אמאל געקומען א פאר ביאליסטאקער בעלי-בתים מיט א דין תורה וועגען עפעס א שטיקעל ערד נעבען זייערע הייזער.

זעהענדיג, אז ביידע בעלי-דברים זענען גרויסע עקשנים און זענען גרייט פאר א ברעקעל ערד דאס לעבען אוועקלייגען, האט דער רב בעשלאסען צוצוגעהן אליין אויפ'ן ארט און בעטראכטען דאס שטיקעל פלאץ.

אויסגעהערט דארט נאכאמאל זייערע טענות און קריגערייען, בויגט זיך פלוצלינג איין ר' ריפעלע צו דער ערד, לייגט צו דעם אויער, ווי ער וואלט פון דארט עפיס דערהערט א קול און רופט זיך, נאכדעם אב צו די בעלי דברים.

— דא קומט פאר, רבותי, עפיס א טעות, איטליכער פון אייך טענה'ט, אז די ערד איז זיינע, צום סוף הער איך גאר ווי די ערד זאגט, אז איהר זייט ביידע איהרע, איהר מוזט דעריבער זעהן בשלום און זיך פערלאזען אויפ'ן פסק-דין פון בית-דין.

## נישט קיין קללה.!

ר' נחומ'קע האראדנאר האט געהאט א טבע פרייטאג פאר ליכט - בענשען ארומגעהן איבער'ן מארק און בעטען: פערמאכט די קראמען!

א יונגע קרעמערקע, וועלכע איז איינגאנצען מיט א פאר וואכען צוריק אנגעקומען דא פאר א שנור און האט נאך דעם צדיק נישט געקענט, האט זיך אבגעזאגט אזוי גיך צו שליסען דאס געשעפט, זי האט זיך נאך אפילו אנגעבייזערט אויפ'ן „פרעמדען יודען", וואס בעפעהלט איהר עפיס אין אזא שטרענגען טאן.

— נו, וועסט שוין דא איבערכטאג אין דער צייט נישט זיצען — האט ר' נחומקע איהר אווארף געטהון און איז אוועק ווייטער איבער די קראמען.

דערוויסענדיג זיך שפעטער, אז דאס איז געווען ר' נחומ'קע, האט זיך דאס ווייבעל שרעקליך פונאנדערגעוויינט, געוואלד, דער צדיק האט מיך געשאלטען: איך זאל דא איבעראכטאג מעהר נישט זיצען.

די משפחה, אויך א צושראקענע, איז אוועקגעלאפען צום צדיק, ר' נחומ'קע האט זי אבער בערוהיגט.

— וואס געשאלטען, ווען געשאלטען? איך האב דאך בלויז געזאגט, אז זי וועט איבעראכטאג מעהר נישט זיצען, ווייל דערוויסענדיג זיך, ווער איך בין, וועט זי מיך שוין פאלגען און פערמאכען די קראם פריהער. **ל. פ—ט.**

## די אויסשטעלונג פון קינדער-אויסארבייטונגען אין דער היגער אכראנקע ביי דער געז. „דאבראטשיננאשטש".

דעם 16 און 17 ד. ח. האט די יודישע אכראנקע ביי דער געזעלשאפט „דאבראטשיננאשטש" איינגעארדענט א אויסשטעלונג פון די קינדער-אויסארבייטונגען, וועלכע האבען ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג ביי דער היגער יודישער בעפעלקערונג, וואס האט צאהלרייך די דאזיגע פארשטעלונג בעזוכט.

עס איז כדאי ביי דער דאזיגער געלעגענהייט צו בעקענען אונזערע לעזער וועגען דער ענטשטעהונג און טעטיגקייט פון דער אזוי-וויכטיגער אינסטיטוציע אין אונזער שטאדט.

די ערשטע גרינדער פון דער יודישער אכראנקע אין טשענסטאכאוו זענען געווען די דאמען: לודוויקאווא קאן און יאנאווא גראסמאן ע"ה, וועלכע האבען אין יאהר 1892 געלעגט דעם גרונדשטיין פון דעם דאזיגען לעהר-אנשטאלט און אינטענסיוו געארבייט אויפ'ן דאזיגען געביעט. די אכראנקע האט ביז'ן יאהר 1909 קיין אייגענע געביידע נישט געהאט, נור זי האט זיך געפונען אין לאקאל פון דער האנדווערקער-שולע. די צאהל קינדער, וועלכע האבען בעזוכט די אכראנקע האט דאן דערגרייכט פון 25 ביז 50. ערשט אין יאהר 1909 האט דער היגער אמאליגער בעקאנטער און פילאנטראפ און כלל.

טהוער ווערדע ע"ה אונטערגענומען די איניציאטיוו פון בויען א ספעציעל הויז פאר דער אכראנקע, וועלכעס געפונט זיך ביז היינט צו טאג אויף דער פאבריטשנא גאס 11. ביז'ן יאהר 1928 איז די געביידע געווען א קליינע, בלויז אין פארטער. ערשט אין 1928 איז צוגעבויט געווארען א שטאק—און די אכראנקע איז אוועקגעשטעלט געווארען אויף דער געהעריגער פעדאגאגישער הויך, מיט אלע מאדערנע היגיענישע איינריכטונגען, לויט דעם לעצטען ווארט פון דער היינטיגער פעדאגאגיק און טעכניק. עס איז כדאי אונטערצושטרייכען, אז אין משך פון די מלחמה-יאהרען, בעת די היגע בעפעלקערונג האט איבערגעלעבט שווערע, קריטישע מאמענטען האבען די אכראנקע בעזוכט 140 קינדער, וועלכע האבען בעקומען א געהעריגע ערציהונג און זענען זארגפעלטיג ערנעהרט געווארען.

היינט צו טאג צעהלט די אכראנקע 260 קינדער אין דער עלטער פון 3 ביז 7 יאהר. זי איז צוזאמענגעשטעלט פון 5 אבטיילונגען. דער לעהרער-פערסאנאל בעשטעהט פון ערציהערינס, דערונטער 1 לייטערין און 5 פראקטיקאנטינ'ס. די ערציהערינס בעזיצען א סעמינאר-בילדונג, אלע גוטע אויסקוואלי-

---

א מיטינג אויפגעציסען און מען האט אויך פערהאלטען עטליכע האנדווערקער-פארשטעהער.

די ליסטע, איז לויט איהר צוזאמענשטעל אפשר איינע פון די סימפאטישסטע, מיט פיגורירענדע פערזענליכקייטען, וואס וועלען אין דער קהלה רעפרעזענטירען א פראגרעסיווען טייל יודענטום, וואס קומט אבער ארויס אז די מעטאדע פון קאמף, וועלכע די „געהיימע" האבען אנגעפיהרט, האט זיך שלעכט אנגערופען, זאגאר אויף די אנשטענדיגע ציוניסטען.

### די „אגודה"

האט זיך פערשלאסען אין איהר לאקאל סטראזשאצקא 8 און פון דארט האבען זיי געשאסען אויפ'ן עולם מיט זייערע פייערדיגע רעדעס.

אויך האבען זיי ארויסגעגעבען א צייטונג מיט דרושים און מאמרי חז"ל און געשיט מיט הומאר און חוזק.

אט די דאזיגע הייליגע יודען האבען זיך אויסגעלערנט די גאנצע חכמה פון די פארטגעשריטענע פארטייען און מאכען די מלאכה זעהר פיין.

אויף זייער לעצטען מיטינג איז אויך געקומען צו א געשלעג צווישען אייגענע היימישע חברים. א 5-טל מיט א 7-טעל האבען זיך חבריש צופאטשט צוליעב א וכוח וועגען „כמיעלניצקי'ן" עד שבא, ביז ס'איז געקומען דער פאליציאנט וואס איז אין דעם פאל געווען דער פוסק האחרון.

### זה השער.

די שטאדט-שוהל האט אויך קיין ספעציעלע מיטינגען נישט איינגעארדענט דערפאר האבען זיי אבער געארבייט בלחש, אין דער שטיל, אזוי אז קיינער האט נישט געזעהען און געהערט, ווי זיי האבען אבגעטהון דאס שטיקעלע ארבייט.

דערפאר אבער זענען זייערע סימפאטיקער ארויסגעטרעטען אלס אפאנענטען אויף די מיטינגען, וואו מען האט געוואגט צו קריטיקירען זייער ליסטע.

דאן יעמוד

### ר' פילצער.

זיי האבען ארויסגעלאזט אנ'אויפרוף וואס איז אנגעפיקעוועט מכל טוב, וואס זאגען זיי דען אונז דארט נישט צו, ווילסטו ביליג ברויט, ביטע זעהר, א ארבייטס-פערמיטלונגס ביורא, אוושעם, דירות, נדן, מיט'ן שענסטען פערגעניגען (עס קאסט זיי טייערער?..:)

אויך זיי זענען נישט ארויסגעגאנגען אויף דער ברייטער עפענטליכקייט רעדען צום ברייטען עולם, נאר האבען אנגעהאלטען זייערע פערזאמלונגען אין רבינ'ס בית המדרש, און גערעדט האבען זיי וויפיעל עס האט זיך זיי נאר געגליסט.

כאראקטעריסטיש איז אבער זייערע וואהל אויפרופען, וואו זיי האבען זיך אויסגעלערנט בלאפען אויפ'ן הויכען שטייגער צוגלייך מיט אלע בלאפער'ס.

### „עמך".

שער און אייזען האט זיך ווי תמיד געפיהרט די וואהל-אגיטאציע ביי זיך אינדערהיים מיט היימישע אייגענע רעדנער. וואהל-ליטעראטור האבען זיי וועניג ארויסגעגעבען, אויסער די לעצטע טעג האבען זיי זיך אויך בעוויזען מיט זייערס א וואהל-בלעטיל.

זייער הויפט-קאמף האבען זיי אבער קאנצענטרירט אויפ'ן לעצטען טאג, מיט ליסטעס אין די הענד האבען זיי בעזוכט זייערע מיטגלידער, בעפוילען אוועקצולייגען די שער און האמער און זיי געפיהרט צו די וואהלען.

זיי האבען אויך געשלאסען א טעכנישען בלאק מיט די „

### צעהנער.

דאס מיינט צו זאגען די קליינהענדלער, וועלכע לעבען לעצטענס בשלום מיט די האנדווערקער און האבען אויך בדעה אריינצופיהרען דאזארעס אין דער קהלה.

### דעמאקראטען.

זיי, די דעמאקראטען, האבען געארבייט ביי צוויי געגענזעצטע קלאסען, ביי די ארבייטער און ארימע קלאס אין דער אלט שטאדט, אין דעם אזוי גערופענעם „מעקסיקא" וואו עס זענען פארגעקומען הויז פערזאמלונגען, ווי אויך האבען זיי געארבייט ביי די אינטעליגענץ.

עס איז ווירקליך זעהר „דעמאקראטיש צו ארבייטען גלייכצייטיג ביי די אריסטאקראטיע (די געגנער זאגען, אסימילאטארען) און די ארבייטער (די געגנער זאגען: בונד).

### חשבון הנפש.

היינט, ווען מיר ווייסען שוין וויפיעל יעדע ליסטע האט אדורכגעפיהרט וואלט געווען כדאי צו מאכען א שטיקעל חשבון הנפש וועגען דער אבגעטוענער ארבייט, וועגען אלע געמיינהייטען, רכילות'ן און שפיכות דמים, וואס די אלע וואהל - קאמיטעטען האבען אבגעטהוען.

היינט איז ערב שבועות, איהר גרייט אייך מקבל צו זיין די תורה, וואלט געווען א יושר, אז איהר זאלט כאטש היינט זיך אברייניגען פון דעם עפושדיגען שמוץ אין וועלכען איהר זענט ארומגעגאנגען אין די לעצטע עטליכע טעג.

כלל - טהוער, קאכלעפעל, ספאדעקדרעהער, אויב עס געפונט זיך נאך אין אייך איין פונק פון מענשליכקייט, מאכט היינט א שטיקעל חשבון הנפש.

### ד"ר מיקולסקי אלס דאזאר?

ווען מען איז אראבגעקומען אגיטירען אין די גארנצארסקע-נאדרזשעטשנע גאסען, האט זיך דער עולם שטארק צוגעהערט צו די אויספיהרונגען פון די רעדנער, נאך די רעדעס פרעגט דער רעפערענט צי עמיצער פון די צוהערער האט נישט צו שטעלען א פראגע, רופט זיך אב א יודעל אזוי: פאניע, אפשר וואלט איהר ארויפגעשטעלט אויף דער ליסטע דעם ד"ר מיקולסקי, פאר איהם וואלטען מיר בעשטימט „געגלאסעוועט" געזונד זאל ער זיין, ער וואלט געווען דער אמת'ער דאזאר.

דער עולם האט געקלאפט בראווא און מספים געווען, אז מען זאל דעם ד"ר מיקולסקי מאכען פאר א דאזאר.

### איך וועל זיי נישט צוליעב טהון.

אין ווירוואר פון וואהל-קאמף האבען א חברה אונפעראנטווארטליכע פלאפלער און שמירער זיך געווארפען מיט העסליכע שקרים און מיאוסע פאמפלעטען אויף מיר פערזענליך.

די דאזיגע לייט האבען שטארק חשק אז איך זאל זיי ענטפערען, כדי מיט די דאזיגע פאמפלעטען און נידערטרעכטיגע רכילות צו ציהען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט.

איך ארבייטענדיג אין דער „טשענסטאכאווער צייטונג" וועלכע היט אב די ריינקייט פון עפענטליכען ווארט און וועט בשום אופן נישט דערלויבען איהרע שפאלטען צו בעשמוצען מיט אזעלכע נידערטרעכטיגקייטען, לכן וועל איך זיי נישט צוליעב טהון און וועל זיי אויף די אלע „פערל" נישט ענטפערען.

צו ענטפערען רבותי, איז דא אסך, דאס ווייסט איהר אליין, אז די יעניגע וואס ווארפען אויף מיר שטיינער און מיסט זענען זעהר ווייט פון ריינקייט, אבער אז איך זאל זיי דאס שמוץ ווארפען אין פנים אריין עפענטליך אין דער צייטונג, וועלען זיי ביי מיר נישט פועל'ן.

אויב איהר לעזער וועט ווייטער זעהן ווי אזוי די דאזיגע „מענשען" בעווארפען מיך מיט עקלהאפטע מיאוסקייטען און איך וועל זיי נישט ענטפערען זאלט איהר וויסען, אז איך טהו דאס נאר דערפאר, ווייל איך וויל נישט ווי אנדערע, מאכען אונזער צייטונג פאר קיין מיסט-קאסטען.

איך וועל זיי נישט צוליב טהון.

### דער סך הכל ?

איהר זענט דאך נייגעריג צו וויסען וויפיעל יעדע ליסטע האט בעקומען שטימען, דאן זייט מוחל און קוקט אוף דער ערשטער זייט פון אונזער צייטונג, וואו מיר האבען רעזערווירט פלאץ כדי אייער נייגעריגקייט צו שטילען.

פאר מיר איז אבער דער לעצטער סך-הכל א טרויריגער ווארום, וויפיעל יעדע ליסטע זאל האבען אדורכגעפיהרט איז עס אלץ נישט כדאי געווען, ווארום אויפטהון וועט קיינער גארנישט אין דער קהלה, דערפאר אבער האבען זיי אריינגעפיהרט מחלוקת, שנאה און האס צווישען דער יודישער מחנה.

א פייער פון מחלוקת האט זיך צופלאקערט און די אונטערצינדער וועלען דארפען אבגעבען א דין וחשבון.

שוין, עס איז געענדיגט די שלאכט, אבער דאס פייער טליעט נאך הלואי עס זאל נישט ברענגען חורבה און פערניכטונג אין דער יודישער מחנה.

**לויתן.**

